**גוט שבת אלע אידן:** עס שטייט אין די משנה: "רבי אלעזר הקפר אומר, הקנאה והתאווה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם." רבי אלעזר הקפר האט געזאגט אז דער קנאה, און דער תאווה און דער כבוד נעמט א מענטש ארויס פון דער וועלט. די הייליגע תורה רעדט די וואך וועגן א מענטש וואס זיין רדיפת הכבוד האט איהם ארויסגענומען פון דער וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וועגן קרח ועדתו: "ותפתח הארץ את פיה ותבלע אתם וכו'" דער אייבערשטער האט אסאך געגעבן כבוד צו קרח. קרח איז געווען א לוי און ער האט געדינט אין דער משכן. אבער, דער כבוד איז נישט געווען גענוג פאר קרח.

מען זעט פון די פרשה אז עניוות איז איינע פון די סימני כשרות פון א רבי פון כלל ישראל. ווייל קרח איז געווען א חשוב'ער רבי מיט אסאך תלמידים, אבער ליידער איז ער געווען א גרויסער בעל גאווה. וועגן זיין רדיפת הכבוד, האט קרח'ס חסידות נישט געהאט קיין קיום. משה רבינו ע"ה, איז געווען אן עניו. מען זעט פון דא אז ווי "קלענער" א רבי איז, איז ער א גרעסערער רבי. אזוי ווי דער נביא האט אונז צוגעזאגט: "...מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח להחיות רוח שפלים ולהחיות וכו'" (ישעיה נז,טו)

ווען דער אייבערשטער האט געוואלט נעמען משה רבינו פאר א רבי פאר כלל ישראל, האט משה רבינו נישט געוואלט. ברב ענוותו, האט משה רבינו געזאגט פארן אייבערשטען: "...מי אנכי כי אלך אל פרעה וכי אוציא את בני ישראל ממצרים?" (שמות ג,יא)

אין די צייטן פון דעם הייליגן צדיק ר' יעקב יצחק פון לובלין, דער "חוזה" זי"ע, איז געווען א גרויסער רב וואס איז געווען א מתנגד. אמאל, האט דער מתנגד געהאט גאר א שווערע שאלה, און ער איז געצוואונגען געווען צו פרעגן דעם חוזה.

"רבי," האט דער מתנגד אנגעהויבן צו פרעגן. "פארוואס קומען אזוי סאך טויזנטע מענטשן צו דיר פון אלע עקן פון די וועלט? וואס קענען זיי זעהן דא? פארוואס קומען זיי נישט צו מיר? בין איך נישט א גרעסערער תלמיד חכם ווי אייך?"

"איך דארף זאגן דעם אמת." האט דער חוזה אנגעהויבן צו ענטפערן רוהיגעהייט. "איך האב די זעלבע קושיה. פארוואס טאקע קומען אזוי סאך מענטשן צו מיר? איך בין פינקט אזוי ערשטוינט ווי דו. ווייל איך ווייס ווי קליין איך בין אין די גרויסע וועלט! עס איז טאקע א פלא אז אזוי סאך אידן קומען פאר עצות אין עבודת ד'! אין אמת'ען דארפן אלע קומען צו פרעגן דיך. איר זענט א גרעסערער צדיק ווי איך. איר זענט ממש אזוי ווי א 'הר סיני' מיט אייערע ידיעות אין תורה."

"פארוואס קומען מענטשן צו מיר?" האט דער חוזה געזאגט ווייטער. " ווייל איך בין אזוי איבעראשט ווען זיי קומען צו מיר. און פארוואס קומען זיי נישט צו אייך? ווייל איר זענט אזוי איבעראשט אז זיי קומען נישט!"

איינער איז אמאל געקומען פרעגן דעם הייליגן רבי ר' שמחה בונים פון פרשיסחא: "די גמרא ברענגט (ערובין יג.) 'וכל הבורח מן הגדולה, גדולה מחזרת אחריו...' איך טו כסדר אנטלויפן פון כבוד, אבער פארוואס לויפט נישט דער כבוד נאך מיך?" ר' שמחה האט געענפערט אזוי: "דער סיבה איז אזוי: דו לויפסט אוועק פון כבוד, אבער דו קוקסט אייביג צוריק, וועגן דעם, טוהט דער כבוד זיך בעהאלטן פון דירו!" ("שמחת ישראל" עמוד נז, מובא בספר "שער לשמחה" מאת ר' זעליג פליסקען)

ס'דא א צווייטע מעשה וואס ווייזט די עניוות פון דעם חוזה, זי"ע. ווען דער חוזה איז געווען רבי אין שטאט לובלין, האט דער רב אין שטאט געהייסן ר' עזריאל הורוויץ, ז"ל. דער ר' עזריאל איז געווען גאר א גרויסער בקי אין אלע חלקי תורה, אז דער עולם האט איהם גערופן "דער אייזענער קאפ." דער רב האט כסדר געמוטשעט דעם חוזה מיט אלע מיני שאלות. דער זאך וואס האט געשטערט דער רב די מערסטע, איז געווען אז דער חוזה אליינס האט זיך נישט געהאלטן פאר א רבי, אבער אפילו הכי, האט דער חוזה געפראוועט אסאך חסידים. "וואס קען איך טוהן?" האט דער חוזה געזאגט. "די מענטשן קומען פון זיך אליינס, איך רוף זיי נישט צו קומען?"

"עס איז גאנץ פשוט." האט דער רב געזאגט. "איך האב אן עצה פאר אייך. די קומענדיגע שבת זאלט איר אויסרופן אין שול אז איר זענט נישט קיין רבי, און מסתמא נאך דעם וועלן די עולם אויפהערן צו קומען!" האט דער רב געזאגט.

יענע שבת איז דער חוזה אויפגעשטאנען אין שול און ער האט אויסגערופן אז ער איז נישט קיין צדיק און נישט קיין רבי, ער איז נאר א פשוט'ער איד. דער אויסקום אין שול איז געווען פארקערט. ווייל ווען די חסידים האבן געהערט ווי קליין דער חוזה האט זיך געהאלטן, האבן זיי נאך מעהר געוואלט קומען צום צדיק. די חסידים זענען געווען נתפעל פון זיינע ווערטער. פון דעם טאג און ווייטער האבן זיי פרובירט זיך צו פירן אזוי ווי דער רבי'ס גרויסע עניוות.

א פאר טעג שפעטער, ווען דער חוזה האט געטראפן דעם ר' עזריאל'ן האט דער הייליגער צדיק געזאגט פאר'ן רב אז ער האט געטוהן אזוי ווי דער רב האט געהייסן, אבער עס האט גארנישט געהאלפן.

דער רב האט געהאט אן אנדערע עצה: "אייערע חסידים זענען שטארק מחשיב עניוות און זיי אנטלויפן פון כבוד. וועגן דעם זאלט איר אויסרופן שבת אין שול אז איר זענט א גרויסער צדיק. אויב איר גייט עס זאגן, וועלן זיי זיכער אהיים גייען און נישט צוריק קומען!"

"איך בין נישט קיין רבי," האט דער חוזה געזאגט. "אבער איך בין נישט קיין ליגענער אויך נישט. דערפאר ווי קען איך אויפשטיין אין שול צו זאגן אז איך בין אן עכטער צדיק?"

מ'זעט פון דא אז ווי "קלענער" א רבי איז, איז ער א גרעסערער רבי. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקודש: "מאן דאיהו זעיר איהו רב." (הזהר במדבר, ח"ג דף קסח ע"א) ד"ה, איינער וואס מאכט זיך קליין איז א רב! **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת הנינה אצל נכדו הרה"צ רבי יצחק שליט"א בן בנו הרה"צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט"א

מזל טוב למוה"ר ישראל משה דירנפעלד שליט"א לרגל שמחת אירוסי בתו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**